# אַמיליאָן גילדן פאַרן קרן-הישוב!

# בית יעקב

## ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית-יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילן
רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

| ב"ה, לאָדזש-וואַרשע-קראָקע | טבת תרצ"ד | עלפטער יאָרגאַנג |
|---|---|---|

תּוֹכן:

אג"פ: מיר באַגריסן
רבקה איזראַעלסקא: אַ בנות-אגודת-ישראל אין תּל-אביב
י. ל. אָרלעאַן: דער מאַנגל אין גרויסקייט
א. שנור: גיזאַמלטע פּערל
רבי נחמן בראַצלאווער זצ"ל: נאַטור און גיזאַנג
ד"ר משה אשער: דאַס קינד
אלימלך שטייער: הענט זעבין הייליק
ש. אַלטער: רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל
א. י. ליפּמאַנאָוויטש: אין שפּאַנישע גיריכטן
אליעזר שינדלער: אדום און ישראל (ליד)
ישראל עמיאָט: ווינטער-מאָטיוון (ליד)

ארץ-ישראל

ד"ר יצחק ברויער: אונדזערע וועגן קיין ארץ-ישראל
ד"ר שמואל דייטשלענדער: אַ גרוס פון הייליקן לאַנד
ידיעות פון און אַרום ארץ-ישראל

בנות-בלעטער

א"ג פרידנזאָן. די בנות-אגודת-ישראל-באַוועגונג
גיט אַרבעט אין באַשעפטיקונג אונדזערע רעליגיעזע
שוועסטער (אַ רוף)
ידיעות פון דער בנות-צענטראַלע
ידיעות פון בנות-לעבן
קאָרעספּאָנדענציעס און מודעות

עס גרייט זיך אין דרוק

## אַ גרויסער
# בירנבוים-אַלמאַנאַך
פון בית-יעקב-זשורנאַל
לכבוד דעם 70-טן לעבנס-יאָר פונים גרויסן
יידישן רעליגיעזן דענקער און פירער
# ד"ר נתן בירנבוים

**בירנבוים-אַלמאַנאַך**
וועט האָבן די מיטאַרבעט פון די חשובסטע פירער און שרייבער פון רעליגיעזן יידנטום אין גאָר דער וועלט.

* **בירנבוים-אַלמאַנאַך**
וועט ברענגען עֶרנצטע און טיפע אָפּשאַצונגען איבער די מחשבות און מעשים פון דעם גרויסן יידישן עולה נתן בירנבוים.

**בירנבוים-אַלמאַנאַך**
וועט זיין אַ ליטעראַריש עשירותדיק זאַמל-בוך, אין הסכם מיט די רעליג. השקפות פון ייד. פאָלק און אינים גייסט פון נתן בירנבוימס אידעען.

**בירנבוים-אַלמאַנאַך**
ווערט רעדאַקטירט דורך נטע בערלינער און וועט דערשיינען אין גרויסן בוך-פאָרמאַט, אַרויסגעגעבן תּפארתדיק ווי עס פּאַסט פאַר אַ ספר-זכרון לכבוד נתן בירנבוים!

רעדאַקציע-שלוס פונים בירנבוים-אַלמאַנאַך
איז ראש-חודש אָדר ה. י.

די אַלע וואָס האָבן אינטערעס פאַרן דערפאָלג פונים בירנבוים-אַלמאַנאַך דאַרפן דורך אַ פּאָסט-קאַרטל אונדז דאָס מודיע זיין.

אדרעס פון רעדאַקציע:
„Bajs Jakow“ Łódź skrz. poczt. 146.

הארכיון היהודי

# מיר באגריסן!

## (צו דער גרינדונג פון א בנות-ארגאניזאציע אין תל-אביב)

**פארן** שליסן דעם היינטיקן גומער האבן מיר באקומען די פריידיקע בשורה, אויף וועלכע מיר האבן שוין אזוי לאנג געווארט. צייט ס'באוועגט זיך אונדזער אגודיסטישער ארבעט אין און פאר ארץ-ישראל, האבן מיר אלץ כסדר געשטרעבט צו זען אויך די „בנות" אלס טעטיקער כוח אין הייליקן לאנד. מיר האבן געוואוסט, אז א גרויסע צאל בנות-חברות, וואס זענען געווען טעטיק דא אין פוילן און אין אנדערע לענדער, געפינען זיך אין ארץ-ישראל, וואס זיי טון דארטן און דער עיקר, וואס זיי פלאנען צו טון אויף צו פארפלאנצן דעם בנות-אידעאל אין הייליקן לאנד, דערפון האבן מיר נישט געוואוסט און כסדר דערוועגן געשטורעמט מיט בריוו צו באקאנטע און פריינט אין ארץ-ישראל.

ענדלעך אבער האבן מיר זיך דערוואַרט. דער אונדז גוט באקאנטער אגודיסטישער טוער ה' מאיר טשעראנסקי, וועלכער האט דא אין פוילן, געגעבן א גרויסן צושטייער צום אויפבוי פון דער בנות-באוועגונג, האט אונטערגענומען ענערגיש די ארבעט פון שאפן די ערשטע אפיציעלע בנות-ארגאניזאציע אינים הייליקן לאנד. אויך זענען מיר צווישן די ערשטע פיאנערנס פון „בנות" די נעמען פון אונדזערע באקאנטע בנות-פירערנס און לערערנס, וואס שטעלן זיך מיט מוט און שטאלץ אויף די ארבעט-פאזיציעס פארן בנות-אידעאל.

הארכיון היהודי

מיר געבן זיך אפ אחשבון פון די שוועריקייטן און מניעות, וואס אונדזערע חברות-פיאנערנס וועלן האבן דורכצומאכן ביז עס וועט זיי געלונגען די בנות-ארגאניזאציע אין תל-אביב אויסצובויען און צו פארפעסטיקן. די גרויסע צאל אנטי-רעליגיעזע יוגנט-ארגאניזאציעס אין תל-אביב, די גאר ווייניק גוט-געשטימטע מיינונג וועגן דער אגודה בכלל, דאס פרייע לעבן פון דער יוגנט, דאס אלץ וועט זיכער זיין שווער בייצוקומען און אונדזערע אידעען-געטרייע שוועסטער וועלן זיכער האבן א סך נסיונות אויסצושטיין, ביז זיי וועלן קומען צו זייער ציל.

זאלן מיר זיך אבער דערמאנען, ווי שווער עס איז אנגעקומען אפילו דא אין פוילן די ערשטע בנות-גרופּעס צו שאפן. וויפל געגנער האבן מיר געהאט צו באקעמפן, וויפל שטיינער אין וועג האבן מיר געמוזט באזייטיקן און ב"ה, אז ס'לעבט א בנות-באוועגונג, 200 אפטיילונגען און טויזנטער געטרייע קעמפערנס פאר אונדזער גרויסער זאך.

דאס דארף זיין א דערמוטיקונג פאר די ערשטע פיאנערנס אונדזערע אינים הייליקן לאנד. זייט נישט שוואך ביי זיך! די גאנצע ארטאדאקסישע* פרויען-וועלט שטייט הינטער אייך, וואס עס וועט נאר מעגלעך זיין וועט געטון ווערן דורך די בנות-ארגאניזאציעס אייער פאזיציע צו שטארקן.

די בענקשאפט און הייסע שטרעבונג פון די טויזנטער חברות אונדזערע, וואס ווארטן אויף דער גליקלעכער שעה צו קענען זיין אזוי גליקלעך ווי איר און זיך שוין צו געפינען אויף דער אדמת קודש, זיי וועלן זיך צוהערן צו יעדן אטעם פון אייערע הערצער, מיטלעבן מיט אייערע אלע מעשים און זאל דאס אייך שטארקן און קרעפטיקן!

בעזרת-השם וועט לאנג נישט געדויערן ביז איר וועט באקומען פון אונדזערע מחנות פארשטארקונג פון אייערע געטרייע חברות, און זעט איר אלץ צו טון, כדי די גייסטיקע און אמת-יידישלעכע סביבה זאל זיין פאר זיי גרייט, און איר וועט דערמיט האבן אפגעטון א גרויסע היסטארישע עובדא.

און צו אייך חשובע חברות פון „בנות" דא, גייט דער רוף: זעט נישט צו פארזוימען די איצטיקע ערנצטע שעה און באמיט אייך צו זיין ראוי מיט אייער רעליגיעזער שלימות אלס עולות קיין ארץ-ישראל, און פארדינט אייך מיט אייערע שטארקע מעשים פאר אלע בנות-אונטערנעמונגען זוכה צו זיין, וואס גיכער צו דערגרייכן דעם ציל!.

**אג"פ**

## א „בנות-אגודת-ישראל" אין תל-אביב

**א דאנק** דעם חשובן אגודה-עסקן ה' מאיר טשטשעראנסקי, וועלכער איז דא נישט לאנג געקומען פון פוילן, איז געראטן געווארן א פארזאמלונג פון אלע געוועזענע חברות פון „בנות-אגודת-ישראל" פון אלע לענדער, און וועלכע געפינען זיך יעצט אין תל-אביב, וועגן דער גרינדונג פון א „בנות-אגודת-ישראל" אין תל-אביב.

באלד ביי דער ערשטער פארזאמלונג האט זיך גלייך ארויסגעוויזן די נייטיקייט פון א „בנות" אין תל-אביב. ביי דער ערעפנונג פון דער פארזאמלונג האט ה' טשטשעראנסקי געהאלטן א פאסנדן רעפעראט וועגן די צילן פון אגודת ישראל און די אויפגאבן פון דער „בנות" מבפנים דער אגודה. ה' מאיר טשטשעראנסקי דערקלערט, אז דווקא דא, אין תל-אביב, ווי די אגודת ישראל איז נישט שטארק באליבט, דארף דער שטויס צו ארבעט פאר אגודת ישראל צו קומען פון דער יידישער טאכטער, וועלכע דארף ארויפברענגען צוריק דעם אגודה-אידעאל אין די יידישע גאסן פון תל-אביב. די יידישע טאכטער דארף אין יעצטיקן מאמענט עפנטלעך צו פראפאגאנדירן דעם געדאנק פון אגודת ישראל הויך און דרייסט, עס מוז ווערן ארויסגעוויזן פון די יידישע טעכטער אין תל-אביב, אז זיי זענען גרייט צו באווייזן מסירת הנפש פארן אידעאל פון אגודת ישראל.

ה' טשטשעראנסקי גיט אויך גלייכצייטיק אפ א גרוס פון דער ארבעט פון דער בנות-אגודת-ישראל אין פוילן, מיט דער האפנונג, אז די „בנות" וועלן גיין אויף די קאמף-פאזיציעס אין ארץ-ישראל פון און פאר אגודת ישראל ווי עס צייכענען זיך אויס די „בנות" אין פוילן.

גלייך אויפן ארט איז געוועלט געווארן א צייטווייליקע פארוואלטונג פון די אויפן ארט געגרינדעטע בנות אגודת ישראל אין תל-אביב, וועלכע האבן גענומען אויף זיך די אויפגאבן:

1) צו ארגאניזירן אלע ארטאדאקסישע טעכטער אין ארץ-ישראל אונטער דער פאן פון בנות אגודת ישראל.

2) איינצוארדענען שעורים פאר די חברות און אנדערע קולטורעלע פאר-אנשטאלטונגען.

עס איז געווארן אויסגעוועלט א פארוואלטונג פון צווישן די פארזאמלטע. פון די פאלגנדע חברות: פרעזעסן פרל. שרה גזשעבמאכער, וויצע-פרעזעסן פרל. שרה האלפערן און קאסירערן. סעקרעטארן פרל. מרים גורונציק, און די חברות: פרל. בעקמייסטער, פרל. צפורה זשורין, פרל. יושיק, פרל. ישראליתי פרל. חנה האלפערן, פרל. רבקה מארקענזין.

ה' מאיר טשטשעראנסקי האט אויך פארשפראכן איבערצוגעבן די „בנות" די פאסנדע לאקאלן פאר זייער געברויך אויף יעדן אוונט, אין בעסטן צענטער פון דער שטאט.

עס איז צו האפן דאס דער אגודה-געדאנק וועט אין תל-אביב אנהייבן אויפצולעבן דורך די „בנות", און פון דא וועט אויך דער אגודה-געדאנק גיין ווייטער און ווייטער.

עס איז אויך געשאפן געווארן א פראפאגאנדע-קאמיסיע, אין וועלכע עס צייכענען זיך אמייסטן אויס די חברות פרל. בעקמייסטער און פרל. רבקה מארקענזון.

די „בנות" האבן אויך אונטערגענומען אן-ענערגישער ארבעט פאר דער אנטוויקלונג פון דער בית-יעקב-שול אין תל-אביב.

יעדע שיף ברענגט פרישע מיטגלידערנס פון בנות-אגודת-ישראל פון דער גאנצער וועלט, און עס ווייזט זיך ארויס א שטארקע פאראינטערעסירונג פאר דער בנות-ארבעט, און עס איז דערפרייענד די דערשיינונג, וואס פאר-שידענע ארטאדאקסישע טעכטער פון גאר דער וועלט, וואס באלד ביים אנקומען מערקט זיך א שטארקע נאכפראגע צו דער בנות-אגודת-ישראל.

תל-אביב, כ' טבת תרצ"ד

**רבקה איזראעלסקא**


הודפס מתוך הארכיון היהודי

# גיקליבענע פערל

די אי... תורה־ווערטער, גידאנקען און אפאריזמען פון
יידישע גרויסע מענטשן.

גיזאמלט פון א. שנור
(נאכדרוק פארבאטן)

[redacted]

## בשלח

א'

ולא נחם-אלקים
ר״האט זיי נישט גיפירט מיט מידת הדין
(דער מאגלניצער)

ב'

ויקח משה את עצמות יוסף
משה האט גינומען דאס העלדישקייט (פון לשון עצום) פון יוספן, דאס וואס ר״האט זיך נישט נוקם גיווען אן זיינע ברודער. נאר מוחל גיוועזן און נאך גוטס גיטון. די מדה האט משה זיך גינומען. דאס איז ביי אים גיווען העלדישקייט, אמביציע, גרויסמוטיקייט.
(מגלה עמוקות)

ג'

וד' הולך לפניהם.
אויף זייערע פנימער, האט גירוט די געטלעכע צורה פון שם של רחמים.
(חרוזי פנינים)

ד'

בפני נכתב ובפני נחתם (גיטין ב.)
אין מיין פנים איז פארשריבן און גיחתמיט מיין גאנצע פנימיות.
(רבי רב ברוכל)

ה'

יומם — בעמוד ענן, ולילה — בעמוד אש.
די זוניקע פרייד פון טאג קומט נאך א סך וואלקנס און די שווארצע נאכט פארמאגט זיינע שטערן.
(חרוזי פנינים)

ו'

נבוכים חם בארץ — סגר עליהם המדבר
דער עיקר עצבות קומט דערפאר וויל ס״איז פארשלאסן ס-ווארט, מע פארמאגט נישט דאס פאסיקע ווארט אויסצודריקן די גיפילן און דאס באשווערט, פרעסט אויף די נשמה.
(דארט)

ז'

ויאסור את רכבו ואת עמו לקח עמו
רכב — ווערט אנגירופן דער חומר. מע קאן אסרן, פייניקן, בינדן דעם חומר, נאר דערביי מוז מין וויטער אין זין האבן דעם כלל. דאס פאלק און צער ישראל מיטפילן.
(דער קאזשעניצער)

ח'

ובני ישראל יוצאים ביד רמה
מיט ארויפגיהויבענע הענט, מיט א תפילה צום באשעפער.
(ר' אברהם המלאך)

ט'

אויפן זעלבן:
זיי האבן באקומען א ביסל גאות און נישט גיקאנט דורכדעם גיין צו קבלת התורה, דעריבער — וירדפו מצרים אחריהם — און צובראכן דאס גאות.
(רבי משה אלשיך)

י'

ופרעה הקריב.
נעבעך, נעבעך — פרעה האט מקרב גיווען יידישע הערצער צום באשעפער, ער האט באדארפט צו זיין דער גורם. נעבעך...
(דער מאגלניצער)

באמערקונג פונים זאמלער:
מע קאן דאס זעלבע זאגן אף די היטלער־יארע וואס האט גורם גיווען צום תשובה-פסיכאז ביי די דייטשע יידן.

י"א

המבלי אין קברים — התיצבו וראו.
ערשט יוי זיי האבן דערקענט זייער לאגע זענען זיי ראוי גיווארן צו א ישועה. דען דער וואס פילט באוואוסטזיניק די ליידן קאן אויפנעמען ווי גיהעריק די פרייד.
(חידושי הרי"מ)

י"ב

התיצבו — זייט אמתדיק (פון לשון, אמת ויציב) וראו את ישועת ה', וועט איר זען די געטלעכע הילף
(רבי ר' ברוכל)

י"ג

ה' ילחם לכם — ואתם תחרישון.
שווייגט, זייט מקבל באהבה אלע יסורים, די חבלי-גאולה, וועט גאט זיך אננעמען, מלחמה האלטן פאר אייך.
(דער לובלינער חוזה)

י"ד

אתם — זענען די זעלבע אותיות וואס אמת.
גידענקט! גאט וועט מלחמה האלטן מיט אייך, ווען איר וועט פארשווייגן דעם אמת.
(חרוזי פנינים)

ט"ו

מה תצעק אלי
די איניציאלן זענען אמת, דער אמת האט ארויסגישריגן
(רבי משה זכותא — כתבי האב"י)

ט"ז

אויפן זעלבן:
אין די תורה איז נישט דערמאנט קיין ווערטער, דען ר״האט גישריגן אין הארץ וואס קיין מענטשלעך אויער האט גישט דערהערט נאר גאט.
אלי — צו מיר, נאר איך הער
(זוהר, — אוהב ישראל)

י"ז

אויפן זעלבן:
משה רבינו, דער גרויסער עניו האט זיך נישט גיקאנט דערלויבן צו זיין אפיציעל און באפעלעריש, האט אים גאט גיזאגט: מה תצעק אלי — אין די בחינה פון ונחנו מה, עניוות זאלסטו זיין ווען דו דאוונסט פאר מיר. אבער היינט דבר אל בני ישראל — רעד ווי א פירער
(דער צאנדזער צדיק)

י"ח

ויבעקו המים.
א לשון רבים (ס״שטייט נישט ויבקע הים) אלץ סימבאל, אז אלע שטראמען וואס ווילן פארפלייצן, פארשווענקן ס״יהדות וועלן צושפאלטן ווערן.
(רבי נחמן בראצלאהער)

י"ט

הים ראה וינוס
מה ראה, ארונו של יוסף ראה.
דער ים גארט ווילד און ברויזט וואס מער אין זיינע קאלטע ארימס צו פארשלינגען קרבנות, דערזעענדיק יוסף הצדיקס ארון. האט ער זיך א ביישפיל גינומען, אויך ער יוסף-הצדיק האט באהערשט זיין ליידנשאפט און דער ים האט זיך פארשעמט און אנטלאפן.
(דער רבי ר' זושע)

כ'

פרעה זענען די זעלבע אויתיות ווי העפר און ערד ווערט גיוויקט אין וואסער, דעריבער איז זיין מפלה גיקומען דורך משה וואס זיין וויגל האט זיך גיוויגט אויפן וואסער.
(ספרי קבלה)

כ"א

וירא ישראל — ויאמינו
ווי האבן גיזעען בחוש, א קונץ אז זיי האבן גיגלייבט, אן-אמתער ייד דארף צו גלייבן אפילו ווען ער זעט נישט בחוש, דאס איז א פיל גרעסערע מדרגה.
(זע מורה-נבוכים ח"ג — חידושי הרי"מ)

כ"ב

ויראו „העם" — אז ישיר „ישראל"
דאס „עם" ס-פשוטע פאלק האט גיהאט יראה, האבן זיי נישט גיקענט זינגען. דען שירה שטאמט פון אהבה און ווער ס-האט יראה קאן נישט פילן אהבה „ישראל" די בעלי מדרגה, האבן אין זיך גיהאט די אמתע אהבה — אז ישיר ישראל — ער ישראל, קאן זינגען.
(חתם סופר)

כ"ג

שר — לא נאמר אלא — אז ישיר
(חז"ל)

שר — אויב אימיצן דאכט זיך, אז ר-האט שוין אויסגיזונגען אלץ פאר גאט, זאלסטו וויסן — לא נאמר, ר״האט נאך קיין איין ווארט נישט גיזאגט אמת. אלא נאר א ייד דארף נאר צו בעטן אז ישיר — ר״זאל וואס מער קענען זאגן שירה׳
(ר' משה מקאברין)

כ"ד

בקשו מלאכי לומר שירה, אמר להם הקב"ה מעשי ידי טובעים בים, ואתם אומרים שירה.
(חז"ל)

דער גידאנק: השי"ת האט זיך גיוואונדערט: ערשט איצט ווען די מצריים טרונקען זיך אין ים זאגט איר שירה, איר דארפט דאך פריער, דורך אמונה, אייביק צו לויבן ג—ט
(שלי"ה)

כ"ה

ויאמרו—לאמור
זיי האבן גיבעטן, אז זיי זאלן זוכה זיין אייביק צו זאגן די שירת הים — ווי אמאל
(תפארת שלמה)

כ"ו

כי גאה, גאה
מיט דעם וואס האלט זיך אין גרויסן האלט זיך ג—ט אויכט אין גרויסן און וויל נישט הערן פון זיינע קליינלעכע הצטרכות
(רבי ר' שמעלקע מניקלסבורג)

כ"ז

ויהי לי לישיעה
ויהי — א לשון צער
באשעפער! זאל דער טיפער צער, די שרעקלעכע יסורים, וואס מיר לעבן אדורך זיין פאר אונדז א ישועה. דען אויך מעדיצינען פאר א שווער-ליידנדיקן זענען ביטער און זיי ברענגען די רפואה בשלמות
(גיטייטשט לויטן זרע קודש)

כ"ח

זה א—י ואנוהו
די איניציאלן פון די ערשטע צוויי ווערטער זענען זה השלחן אשר לפני ה' און זכור את יום השבת לקדשו. א סימבאל אז די סעודה פונים מענטשן דארף צו זיין באהויכט מיט יענע שבתדיקייט און דערביי גידענקען, אז דאס אלץ איז נישט אייגנס נאר דעם באשעפערס און דערמיט מהנה זיין מיט-מענטשן
(גיטייטשט לויטן
סטריזשובער רב זצ"ל)

הודפס מתוך הארכיון היהודי

כ"ט

**זה א—י ואנוהו, אלקי אבי — וארוממנו...**

אויב זעסט אַ מענטש וואָס האט דורך עבודה און צדקה דערקאנט דעם באַשעפער און ער זאָגט זה א—י, ס'איז מײַן ג—ט, כ'האב גיארביט, גימוטשיט מיך אַז כ'זאָל אים דערקענען, אַזאַ מענטש ואנוהו — זאלסטו בכבוד האַלטן.

אלקי אבי — אַז יענער קומט אָבער מיט זכות-אבות מיטן כוח פון יחוס, אָן אײגענע מעלות — דאַן — וארוממנו — זאלסטו אים האַלטן פאַר אַ פוסטן בעל-גאווהניק, דער עיקר איז: יחוס עצמו.

(רבי מאירל מפּרעמישלאַן)

ל'

**ה' איש מלחמה—ה' שמו**

אויב ווילסט דערקענען אַ מענטשלעכן קאַמף, דאַן זע, צי איבער דעם קאַמפּס-פּלאַטפאָרם פלאַטערט דער נאָמען פון שם הוי' — דער סימבאָל פון רחמים. דער קאַמף אַלײן איז מיט אידעאַלע און טאַקטישע מעטאָדן

(חרוזי פנינים)

ל"א

**נוזלים קפאו תהומות ב„לב" ים**

ס'ווערן צורינען, פאַרגליווערטע, פאַרשטאַרטע אין טיפע אָפּגרונטן, ווען מע רינגלט זײ אַרום מיט אַ כוואַליע פון האַרציקײט, זײ לעבן ערשט אויף.

(דאַרט)

ל"ב

**אמר אויב, ארדוף אשיג אחלק שלל תמלאמו נפשי — אריק חרבי תורישמו ידי.**

די ייִדן זענען אַרויס פון מצרים אין זכות וואָס זײ האָבן נישט געענדערט זײערע, קלײדונג און לשון.

אמר אויב — דער פײַנט האט זיך גיקלערט, ארדוף אשיג — אויב כ'וויל זײ נאָכיאָגן און דערגרײכן, מוז איך צוערשט צושפּאַלטן זײערע זכותים — אַ חלק שלל צעטײל, די זכותים פון שלל וואָס איניציאַנילירן שם, לשון און לבוש און דאַן — תמלאמו נפשי — אָנפולן זײ מיט מײַן גײַסט, מיט מײַן קולטור. ערשט דעמלט בין איך זיכער — אריק חרבי תורישמו ידי — כ'וועל מיך מיט זײ אַן־עצה געבן

(דער ווישניצער זצ"ל)

ל"ג

**מיטן זעלבן גידאַנק:**

בטח בה לב בעלה — דערפאַר ווײַל — ושלל לא תחסר — אַז די ייִדישע פרוי האט נישט דעם חיסור פון שם, לשון און לבוש

(דער זעלבער)

ל"ד

**ותקח מרים**

קײנער האט זיך נישט גירופן אויפן ייִדישן צער, נאָר די סובטעלע נשמה פון מרים (מרים—ביטער) זי האט מיט איר נאָמען פאַראײביקט דעם ייִדישן צער

(חרוזי פנינים)

ל"ה

**אחות אהרן**

די ייִדישע פרוי איז זיך אײביק מתיחס נאָך אהרן, דער גרויסער מענטש, דער אוהב שלום ורודף שלום

(דאַרט)

ל"ו

**את התוף בידה**

תוף—איז אַפּט אַן־אויסדרוק פון לײַכטזיניקײט, תפלות א. ד. גל. מרים הנביאה האט עס גינומען, די שלעכטע מדה אין איר האַנט, זי האט מיט זײ גיהערשט און נישט פאַרקערט.

(דאַרטן)

ל"ז

**בתופים ובמחולות**

ווײַל פרויען לײַדן דאָך זײער אַ סך און די שכינה רוט נישט נאָר אויף פרײדיקע, דעריבער האָבן זײ באַנוצט דערבײַ די ספּעציפישע פרײלעכע פרײד־מיטלען

(כלי יקר)

ל"ח

**ובמחולות**

זײער פרײד איז באַשטאַנען וואָס זײ האָבן מוחל גיווען, נישט מקפיד גיווען אויף יעדיס קלײניקײט און אַוועקגיקוקט פון אײגינים כבוד צוליב ג—ט

(לויט רבינו בחיי)

ל"ט

**הללוהו בתוף ומחול** (תהילים קנ"ו)

לויבט ג—ט, ווײַל דער סוף וועט זײַן, ר'חעט דורך שמחה אַלע עוונות מוחל זײַן

(רבי מאירל מפּרעמישלאַן)

מ.

**ותען להם מרים**

להם — אַ לשון זכר

ווײַל זײ האָבן דעמלט באַקומען יענע מדרגה פון אנושיות, פון מענטשלעכקײט און ג—טלעכע השגה און איש — איז דאָך לשון זכר

(כלי יקר)

מ"א

**ותען...**

יעדע זאַך, אפילו אַ בריוו מוז ווערן גיענטפערט, ווען נישט הײסט עס גזילה. דער נביא שטראָפט די ייִדן: גזילת ה„עני" (פון ענטפערן) בבתיכם, און דערפאַר איז גיקומען דער חורבן...

(תלמידי בעל שם טוב)

מ"ב

**שירו לד' י**

נישט ווי: משה—אשירה.

דען בײַ מענער האט קײנער נישט גיהאַט קײן זכות נאָר משה און בײַ פרויען האָבן אַלע גיהאַט זכותים, דעריבער שירו לד' — זינגט אַלע

(רבי ר' יונתן אײבעשיץ)

מ"ג

**והי' ביום השישי והכינו את אשר יביאו והי' משנה, והי'—אַ לשון שמחה**

מענטש! דײַן מיסיע אָן דײַן ערב שבת פון דײַן לעבן און דאַ־זײַן איז: והי' משנה — פרײד און דעת (פון לשון משנה-לערנען) פאַרשאַף פרײד. פאַרשפּרײט דעת. און דאָס, גרײט אָן צו ברענגען צום דין-וחשבון.

(חרוזי פנינים)

מ"ד

**לחם-משנה**

— אַ לשון מלחמה

זאָל דײַן אידעאַלישער קאַמף אַלײן זײַן באַלערנט מיט זײַן מוסטערהאַפטע טאַקטיק

(דאַרט)

מ"ה

**ערב וידעתם ובוקר וראיתם את כבוד ה'**

הײַנט אין גלות נאַכט איז צוליב די וואָלקנס פאַרדעקט די ג—טלעכקײט מוזט איר ידיעה, וויסן אײַער גרויסן עבר ובוקר — זאָל נאָר טאָגן די גאולה — וראיתם — וועט איר אַלײן אַלס דערזען אָן מחיצות

(תפארת שלמה)

מ"ו

**ונחנו מה**

אונדזער מנוחה איז אַ נישטיקע, אַ מינימאַלע, מיר לעבן כסדר אין אומרו דען צדיקים אין להם מנוחה

(חרוזי פנינים)

מ"ז

**שכבת הטל...**

אין שבת דעקט מען צו די חלות מיט אַ חלה-טישטוכל פון אויבן און די חלות ליגן אויף אַ טישטוך. אַלץ זכר צום מן, וואָס איז גיווען באַדעקט פון אויבן און אונטן מיט טל (תוספות פסחים קט"ז: אי"ח טו"ז סימן קע"א ס"ק י"ב)

מ"ח

**לקטו איש לפי אכלו**

דער מענטש דאַרף צו זײַן באַשײדן — לפי אכלו — וויפל ס'איז אים נײטיק. נישט יאָגן זיך נאָך לוקסוס

(של"ה הקדוש)

מ"ט

**ויותירו אנשים—וירם תולעים...**

מענטשן וועלכע יאָגן זיך נאָך אײביקײטן בלײַבט פון זײ ווערים ווי מיר לערנען:

**מרבה בשר מרבה רמה**

(דאַרט)

נ.

**גבר** — זענען די איניציאַלן פון גמלנים רחמנים, ביישנים — די ייִדישע מדות

**וגבר ישראל** — די מדות פון גבר זענען אײַנגעשטאַנען בײַ ייִדן.

**וכאשר יניח ידו** — אויב חלילה מ'פאַרמירט זײ נישט אין מעשים, מ'פאַרנאַכלעסיקט זײ איז חלילה וגבר עמלק

(מקובלים)

נ"א

**ויהי ידיו-אמונה**

זײַנע הענט, זײַנע מעשים זענען גיווען דער סינאָנים פון אמונה, פון אונערשיטערטן גלייבן און האָפן, פון אונערמידלעכע ענערגיע און רצון.

(חרוזי פנינים)

נ"ב

**ויהי — אַ לשון צער.**

מיט וויפל צער איז אַזעלכע מעשים פאַרבונדן מיט איבערמענטשלעכע התחזקות, מיט איבער־נאַטירלעכן אויסדויער, איבערהויפּט הײַנט ווען ס'זענען נישט פאַראַן יענע אהרן וחור וואָס האָבן כאַטש צוגיגעבן מוט — תמכו בידיו אחד מזה ואחד מזה.

ויהי — אַ לשון צער...

(דאַרט)

## שירת דבורה

א.

**אשת לפידות**

די פרוי מיט אַזוי פיל פלאַמינדיקע פלאַקערן וואָס האָבן גישטראַלט און באַלויכטן ג—טס הויז ג—טס תורה און פאָלק.

(רד הקמח)

ב.

**היא שופטה את ישראל**

זי האט גיבערענגט צו אַ משפט אפילו די גרויסע ייִדן, מ-האט זײ כסדר גיוויזן, זעט צו וואָס אַ מדרגה אַ פרוי האט דערגרײכט און איר—נישט

(חרוזי פנינים)

ג.

**תמר דבורה**

ישראל איז גיגליכן צו אַ טײַטלבוים, ווי אַ טײַטלבוים וואָס האט אײן האַרץ אַזוי אויכיט ישראל האט אײן האַרץ צום באַשעפער

(מגילה י"ט)

ד.

**צדיק כתמר יפרח** (תהילים)

ווי אַ טײַטלבוים וואָס גיט שײנע פּירות אַזוי דאַרף דער צדיק הדור אײַנפלאַנצן גוטע מדות

(רבי ר' בער)

הודפס מתוך הארכיון היהודי

ה.

אמרתי אעלה בתמר (שיר השירים)

כ"האב גימיינט כ-וועל האבן אג-עלי'
צום צדקות וואס סימבאליזירט מיט זיך
דער טייטלבוים. אחזה בסנסניו — כ-וועל
אבער נאך זעען אין זיין פונאנדערבלי
ווען דער צדק, דער אמתדיק יידישלע-
כער וועט ארומנעמין די גאנצע מענטש-
הייט

(חרוזי פנינים)

ו.

ואוהביו כצאת השמש בגבורתו

ביי אמתע אהבה דארף זיין די „גבורה"
די אמביציע וואס מער צו שפרודלען
זון, ווארימקייט.

(רמב"ם)

ז.

כצאת השמש

אמתע אהבה איז ווי א זון, וואס כמארים
קאנין ס'נאר פארשטעלן, פארהוילן —
אבער נישט לעשן

(חרוזי פנינים)

ח.

כן יאבדו כל אויביך ד'
ואוהביו כצאת השמש

דען ווען קאן זיין אהבה, ווען מע וועט
אין זיך אויסווארצלין די שנאה. יאבדו
כל אויביך — פארליר אלע פיינטשאפט
גיפילן

(דארט)

ט.

ותשקט הארץ ארבעים שנה
א כלל — בן ארבעים לבינה

די וועלט וועט זיך ערשט בארואיקן
ווען מע וועט אנהויבן צו פארשטיין זיך
און יענים און מיטפילן

(דארט)

# רבי נחמן בראצלאווער זצ"ל:

## געזאנג און נאטור

א'

יעדיס פאסטעכל האט זיך זיין צוגי-
פאסט ניגונדל, לויט די גרעזער און
לויטן ארט ווי ער פאשיט די שאף,
דען יעדיס גרעזל האט זיך זיין שירה:
ווארט און מיטן כוח פון פאסטעכס מע-
לאדיע באקומין זיי א חיות.

דער ניגון איז א טובה טארן פאסטעך,
דען צוליב זיין אייביק-פארברענגין
צווישן בהמות, קאנין זיי אים פארגעסן
אין זיין מענטשלעכקייט און דער ניגון
דערמאנט אים, דערהויבט אים.

דאס וואקסן און בליען איז לויטן ריטם
פון דעם דארטיקן ניגון.

יעקב אבינו האט גיהייסן זיינע קינדער
קחו מזמרת הארץ, נעמט דעם ניגון פון
ארץ ישראל...

(ליקוטי עצות)

ב'

אלע קלאנגין שטאמין פון חסרונות. מע
שרייט ווען ס'פעלט עפיס און מע זינגט
ווען דער חסרון ווערט דערגאנצט.

(ליקוטי עצות)

פאראן א ניגון וואס האט נישט קיין קול
און דער ניגון ווערט אבער ווייניק
פארשטאנין. דען אונדזער מגושמדיקע
וועלט דארף קולות. דאגעגן אין די
וועלט פון צמחים דארטן איז יעדער
שארך א ניגון. יעדיס בלעטלין זיך און
בלעטער איז — א סימפאניע און נאר
דעם מענטש, וואס זיין אויער פארנעמט
נישט די קולות פון חי, קאן פארשטיין
די ניגונים פון צומח.

(ליקוטי מהרן)

ג'

פאראן צוויי פייגל, איינער א זכר
ס'צווייטע א נקבה און זיי ביידע זענין
איין פאר אין די גאנצע וועלט. די
צוויי פייגל זענין פארבלאנדזשיט און
דערווייטערט גיווארן איינס פון ס'צוויי-
טע, אזוי, אז זיי קאנין זיך מער נישט
זעען און ווען ס'קומט ביינאכט קלאגן
זיי ביידע.

דאס קול פון קלאגן הערט זיך ווייט...
ווייט...

קומט ביי טאג קומין פייגל צו אים און
פייגל צו איר און דערפרייען און
טרייסטן זיי, „איר וועט אייך נאך גיפי-
נין" ווערט א קול פון שמחה.

אבער דאס קול פון שמחה הערט מין
נישט ווייט...

(פארקירצט לויט „משיבת נפש")

ד'

פאראן אזא בוים, וואס אין זיין שאטן
רוען אלע חיות, אויף זיינע צווייגן, נעסטן
אלע פייגל און עופות. קיין שום חיה
איז דארטן נישט מזיק קיינים און אלע
חיות זענין דארטן אויסגימישט און אלע
גיזאנגין און פארשידינע קולות פאר-
הילכן דארט.

האבן זיך דערפון דערוואוסט א גרופע
מענטשן און גיקלערט אויף וועלכן וועג
מע זאל צוטרעפן צום בוים.

קומט צו גיין דער חכם און זאגט:

איר קלערט וואו מע זאל גיין, קלערט
ליבערשט ווער זענין עס די מענטשן,
וואס קאנין דערגיין. דען צום בוים
קאנין קומין נאר די, וואס פארמאגן די
מדות פון בוים. דער בוים האט דריי
ווארצלין. איין שורש איז: אמונה, דער
אנדערער — יראה און דער דריטער —
עניוות. דער גוף פון בוים איז — אמת
און ערשט פון דארט גייען ארויס די
צווייגן.

די מדות האט דאך קיינער גיהאט,
האבן זיי באשלאסן צו ווארטן און
ארויפצוארביטן זיך ווי גיהעריק.

וכשהגיעו — און ווען זיי האבן שוין
דערגרייכט די אלע מדות זענין זיי
שוין גיווען גיאייניקט אין איין דעה
און גיוואוסט דעם וועג צו דערגיין.

ווען זיי זענין גיקומין נענטער האבן
זיי דערזען, אז דער בוים האט גאר
קיין ארט נישט און ווי אזוי קאן מין
צו אים צו קומין?

זאל קומין דער, וואס פארנעמט נישט
קיין ארט און זיי מעלה זיין צו דעם
גרויסן הייליקן בוים.

(מעשה מהז' בעטלירס—ליקוטי עצות)

ה'

התבודדות זאל זיין חוץ די שטאט וואו
ס-איז פאראן ביימער און גרעזער, דען
זיי דערוועקן דאס הארץ

(סיפורי מהר"ן)

ו'

דער עיקר חיות און קיום פון לעבידיקע
און צומחים איז גאר דורכן בענקין און
הייליקן גלוסטן. דען דאס הארץ פון
דער וועלט אין וועלכן ס'איז אפהענגיג
אלע עיקרים פון חיות און דער עיקר
חיות פון דעם הארץ איז נאר דאס
שטענדיקע שטיין קייגן דעם קוואל פון
יענער זייט וועלט, און גלוסט און גארט
און בענקט מיט אן-איבער-נאטירלעכע
בענקשאפט צו דערגרייכן דעם קוואל.
דאס איז דער עיקר חיות פון הארץ
און — געגנזייטיק — אויכיט פונים קוואל
וואס שטייט אין די אנדערע זייט וועלט.

(לויט סיפורי מעשיות און זיין
גרויסער תלמיד ר' נתן).

(סוף)


אלע ארטאדאקסישע שול-ביכער קויפט איר
אמבעסטן אין
פארלאג „בית-יעקב"

ילדיש לשון — דריי טיילן
לשון עבר — צוויי טיילן
ראשית חכמה — אלף-בית און עברי
עברי אנכי — אלף-בית און עברי
יידיש לעבן — יהדות און דת
קורות עם-עולם — גישיכטע

גיזאמלטע שריפטן-שרה שענירער

עס ווערן גיגעבן די גרעסטע ראבאטן!

צו באקומין א באגרעניצטע צאל
קאמפלעטן בית-יעקב-זשורנאל

30 העפטן פארשידינע נומערן דערונטער יובל-
אויסגאבים און ספעציעל-נומערן. 700 זייטן.
אן-אוצר פון ליטערארישע ארביטן.
די שענצטע מתנה צו גילעגנהייטס-פייערונגין!

אנשטאט 30 גילדן, נאר 6 גילדן 60 גר.

נאך צו באקומין:

א) 11 ביכלעך „קינדער-ביבליאטעק" — 2 גילדן 25 גר.
ב) 25 העפטן „קינדער גארטן" — 4 גילדן 60 גר.
ג) יידישע גראמאטיק פון ד"ר ש. בירנבוים — 1 גילדן.
ד) פראפאגאנדע-בראשור פאר „בית-יעקב" פון שרה שענירער 100 העפטן — 6 גילדן 60 גר.

אדרעס:

Redakcja „Bajs Jakow" Łódź Kilińskiego 44.
P. K. O. 67.795.


ארכיון אסופות
הארכיון היהודי



הודפס מתוך הארכיון היהודי

איבריק...

ער האט זיך אפגירוט א ווײלע, שווער אפגיאטימט.

— לאנג, לאנג דערנאך — האב איך זיך אזוי ארומגידרייט אין די גיוויסע שטאט און גיפילט — אלץ איז קאפוט, אויס. די נשמה פון ארביט איז אוועק, נשמה וועט מין מיט קיין מעשים נישט אויסקלערן. הײליקײט פון הענט איז אפגישטארבן.

ס-האט זיך גיטראפן — כ-בין גישטאנין פאר צובלישטשיטע וויטריניס. רעקלאמיס האבן זיך גיצונדן און גילאשן. ווינדיס זענין גיפלויגן אויף גארנס — ארויף און אראפ.

רעדער האבן זיך גידרייט שנעל, שנעל.

אבער מיט מיר—האט דאס אלץ נישט גיהאט קיין שום שייכות.

כ-האב גיהאט דעמזעלבן איינדרוק ווי כ-וואלט גישטאנין א נאקיט בארוויסער אין א קאלטן אין דרויסן.

המ... זיין קול איז צוריק גיווארן באלעבט, באקומין פארב.

איר זענט אפשר אמאל גיוועזן אין א גרויסן האטעל פון א הויפט-שטאט. לאנגע שפיגלין, מארמארינע טישלעך. פאראן דארט וואטאווע קאלדריס. פאראן אויסגיווארימטע קאפליס פון אנ-אויוון, אבער עפיס פעלט פארט. ווי דאס פינטל היימישקייט.

עפיס פרעמדס ווייעט פון אלים.

עפיס זענט איר דאך פרעמד צו אלצדינג.

המ... ווי זאל איך דאס אנרופן? כ-ווייס — נו, נשמה.

און אזוי האט אלץ צוריק גיוואגלט אין תהו-ובהו — איידער ג—ט האט גיזאגט זאל זיין גוט...

בין איך אנטלאפן.

אנטלאפן ווי פאר א פײנט — גיזוכט אנ-ארט, אנ-אינזל וואו דער שטן-מאשין האט נאכנישט ארייַנגידרונגין, האט נאכנישט אלץ פארגליווערט צום טויט. גיזוכט — עפיס אנ-ארביט ווי דאס צופוילטע מעכאנישקייט איז נאך איניוויניק נישטא; אנ-ארביט, וואס נייטיקט זיך אין פינטעלע* מענטש — וואו הענט זענין שוין הייליק.

— און גיפונין.

אין זיינע אויגן האט עפיס אויפגיפלאקערט.

אט — בין איך ארייַנגיפאלן אינים דאזיקן פארווארפינים שטעטל און גיווארן א סופר פון הייליקייטן — ספרים, תפילין, מזוזות, וואו הענט פארענדיקן ג—טס באשאף...

הא—הא—הא—

און איר זאלט נישט אויפהייבן אייערע פינגער אומזיסט; בייערט צו תפלה, צו בענטשן — און פארן נאמין פון גיהייליקטן — גילויבט איז ער...

זיין שטום איז גיווארן זינגיוודיק צוצויגן.

און קומין וועט דער טאג — ווען דאס פינטעלע מענטש וועט זיך אומיטים דערוועקן.

שוין זענט איר דער ערשטער גיקומין צו מיר.

אנטלאפן פון די מאשין, וואס האט זיך איבערגיריסן אין זיין לויף — און גיקומין זוכן רו אין שאטן פון הייליקע ספרים, תפילין און מזוזות — וואו אלץ איז הייליק —

און הענט זענין הייליק...

זיינע פארמיטינע הענט האבן זיך אויסגישפרייט מיט צופלאשיטע פינגער איבער די צושיינדינע שטיקער פארמיט — די אדערן וואס אין-דער-הייך האבן גיציטערט, אין ווינקל נעבן קוימין האט דאס ווייב אין טיכל — גידרימלט.

נעבן מיר איז גישטאנין א קאלט גלעזל טיי.

מיט מיר איז מיטאמאל עפיס גישען.

עפעס ווי א שווערע לאסט, וואס האט די גאנצע צייט ווי גיהויערט אויף מיינע פלייצעס, וואלט פון מיר אראפגיפאלן אין דרויסן האט פלוצים דער מאטאר פון אויטא, אנגיהויבן הויך ווארטשן.

איך האב זיך אינסטינקטיוו אריס גיטון פון ארט.

מיר איז גיוועזן קאלט אין די שפיץ פינגער.

פלוצים האט דער אלטער זיך אויפגישטעלט.

ער איז גיוועזן בלייך ווי די וואנט.

— וואס — איר גייט? איר האט גיהערט דאס קול פון דער מאשין וואס רופט אייך — און איר גייט?

ער האט זיך צוריק אנידערגיזעצט.

אלץ אין אים האט גיציטערט. דער שאטן אויפן טיש האט זיך שנעל גיווארפן פון איין עק צום צווייטן.

זיין קול איז גיוועזן הויל.

— און איך, אלטער מענטש פון אלטן דור — איך האב גימיינט, אז נון, גיקומין איז שוין די צייט, דער סוף פון מאשין. נון, און דער מענטש דער פארבלאנדזשיטער איז גיקומין זוכן דאס שטילע ווינקל פון הייליקייט, וואו ווערטער זענין הייליק — און הענט זענין הייליק... דאס פארלוירינע גן-עדן.

ער איז גיצליבן שטיל, אומבאוועגלעך.

בלויז די הענט — האבן גיציטערט.

און איך בין גישטאנין.

דורכן פענצטער האט זיך ארייַנגיריסן א שטראל פון דער אויפגייענדיקער זון, באגאלדיט א שטיק טיש.

און מיר האט זיך עפיס איניוויניק אפגיריסן, גישלוכצט. עמיץ האט זיך מיר גידאכט האט הויך גירופן מיין נאמין.

— פארבלייב... גיי נישט... גיי נישט...

ווער האט עס גיזאגט? כ-האב עס דייטלעך ג'הערט.

און דער זקן איז גיזעסן שטיל, אומבאוועגלעך, פארגליווערט בלויז דער שאטן אויף דער וואנט האט גיטאנצט, זיך גיריסן פון ארט.

און פלוצים האט אין מיין נאז א שלאג-גיטון א שארפער ריח פון כלאראפארע און עפיס רויטע טירן, א צושאקלטע רויטע ווינדע — זענין א דורכגישוועבט פאר מיינע אויגן.

המ... כ-בין אמאל גיוועזן ביי מיינס א פעטער אין שפיטאל אין אויסלאנד, זענין די טירן דארט גיוועזן רויט גיפארבט — די ווינדע האט זיך כסדר באוועגט ארויף און אראפ.

פונוואנין — קומט דאס איצט?

דער אויטא, אינדרויסן האט גיגעבן א הויכן פייף.

איך האב זיך אפגיריסן פון ארט — און כמעט אנטלאפן — בלייבט גיזונט... האב איך גיזאגט א ביסל צו הויך מחמת אינערלעכע צוטומלטקייט.

איך האב זיך נישט אומגיקוקט.

אין דרויסן איז דער נעפלשוין גיהאט פארשוואונדן.

די זון האט ראזיק-בלאס זיך צושפרענקלט.

אלע מיינע באקאנטע זענין שוין גיזעסן אין אויטא, — וואו ביסטו אזוי לאנג גיוועזן? האט מיך פארוואונדערט גיפרעגט מיין פריינט — מיר האבן דיך ארומגיזוכט...

כ-האב אים דערציילט

ער האט זיך צולאכט.

— אמאניאק, וואס וויל אומברענגין די מאשינין...

און איז א שונא-מוחלט אונדזער אויטא-וואגן...

כא... כא...

איך בין איינגישטיגן און עפיס אנ-אומרואיקייט האט גינעסטיט אין מיין הארץ.

כ-האב עטלעכע מאל אין מיטן וועג גיוואלט אויסשטייגן.

אך דער ריח פון כלאראפארים...

אבער — כ-האב מיך נישעמט.

וואס איז דיר גישען? האט מיין פריינט זיך גיוואונדערט,

מיר זענין גיפארן.

און אין א פאר שעה שפעטער —

איז עס גיקומין.

א שרעקלעכע קאטאסטראפע.

מיין פריינט האט פארלוירן א האנט.

און איך בין גיווארן פארוואונדיט. און וואונדערלעך. כ-גידענק נאך איצט, ווי אין דער לעצטער מינוט ליגנדיק אזוי באטויבט אין אראוו — איז פלוצים פארבייגישוואומין מיינע אויגן א קאפ גיהילט אין טלית און תפילין — א גראע לענגלעכע באָרד — פון הענט אויסגישפרייטע ווי צום בענטשן...

— המ... אזוי מיין פריינט. א קייגן דעם וואס דו זאגסט...

יא, פאראן דערשיינונגין וועגן וועלכע אונדזערע פילאזאפן מיט דער פענסנע אויף דער נאז —

האט זיך נישט גיחלומט...



הודפס מתוך הארכיון היהודי 

# אויך שטאַנד-געריכטן...

א. י. ליפּמאַנאָוויטש

**ווייל** ס'זאָל נישט זיין אונדזער פאַרלאַנג נאָך דער פאַרדינטער שטראָף פאַרן פאַרברעכער פילן מיר דאָך מיטלייד מיט אַ מענטש, וואָס ווערט ראַפּטום גישטעלט פאַר אַ שטאַנד-געריכט, און נאָך איידער ער לאָזט אַרויס די פאַרע פון מויל, קלאַפּט מען שוין צוגויף אַ תּלי' פון זייביטוועגן און אַ שמאַלע ענגע וואַרגנדיקע פעטלע וואַרט שוין ביי אים אָפּצונעמען דעם לעצטן אָטעם. און דאָ רעט זיך וועגן פאַרברעכער, וואָס האָבן כשר פאַרדינט פאַרכאַפּט צו ווערן פון אַזאַ מיתה משונה.

אַצינד, ווי גרויס דאַרף נאָך צו זיין אונדזער רחמנות, ווען אַ שטייגער אַזעלכע עקזעקוציעס ווערן אויסגיפירט איבער גאַנץ פרומע כשרע נשמות?

ליידער באַמערקן מיר נישט, אַז טיילמאָל זענען מיר אַליין דורך אונדזער אומפאַרזיכטיקייט, איבעריק פלאַפּלין און קליינלעכע נקמה, די שנעל-ריכטער וואָס טראָגן אַרויס אַ פּסק אויף אַזעלכע, אומשולדיקע מענטשן און די קאָנסעקווענצן פון אַזאַ פּסק-דין זענען נאָך גרויזאַמער ווי די אכזריותדיקע עקזעקוציע.

אט אייניקע משלים:

אַ בכבודיקער ייד, האט קינדער צו לייטן, פירט אַ שיין גישעפט, זיין הויפּט-מסחר איז אַ גיוויס אַרטיקל וואָס ער באַקומט אויף קרעדיט אין אַ פאַבריק. מאַכט זיך אַ מעשה און דער פאַבריקאַנט באַגעגנט זיך אין אַ קור-אָרט מיט אַ בן-עיר פונם דערמאַנטן סוחר, צורעט מען זיך איבער פאַרעלידינע ענינים. שמועסנדיק אַזוי פרעגט דער פאַבריקאַנט דעם בן-עיר צי ער קען נישט דעם סוחר פון זיין שטאָט.

סוחר: אַוודאי קען איך דעם ייד.

פאַבריקאַנט: און וואָס מיינט איר קען מען דעם ייד קרעדיטירן?

פאַרקייכט זיך דער בן-עיר און מיט זיין, פון אסטמאַ דערשטיקטן אָטעם, שטויסט ער קוים אַרויס די ווערטער: ק—ר—ע—ד—י—ט? ו—ו—י—י—ס א—י—ך!

דער קרעדיט ווערט דעם סוחר אָפּגישטעלט. דאָס גישעפט ליקווידירט און דער ייד בלייבט בעירום ובחוסר כל און מיט אומפאַרזאָרגטע קינדער דערצו.

נאָך אַ פאַל;

אַן-עלטער פאַר-פאָלק פון גדולי היחוס און גבירישע מענטשן, זענען ל"ע אַראָפּגיפאַלן פון דער מדרגה און ס'איז ביי זיי פאַרבליבן זיצן אַן-עלטער מיידל. קיין שום שידוך האט זיך נישט גיפירט. איינמאָל האט מען אָנגישלאָגן אַ זייער פּאַסיקן שידוך, אַ יינגל מיט אַ וואויל-לערנער און אַ קענער במילי דעלמא, מיט אַן-אייגן גישעפט. מ-איז זיך צוזאַמענגיקומען. דער חתן האט ביי די אבי-הכלה און מיידל זייער אויסגינומען. און דעסגלייכן דאָס מיידל ווידער האט אין חתנס אויגן און אין די אויגן פון זיינע עלטערן אויך זייער נושא-חן גיוועזן, מ'איז מושוה גיוואָרן מכּוח נדן, וואוינונג און איינריכטונג און אָפּגישמועסט אַ זמן אויף תּנאים צו שרייבן.

די מאַמע און דאָס מיידל גופא, האָבן אַ הייבקומינדיק, „בסוד" צופויקט פאַר פריינט און שכנים וועגן צוקונפטיקן שידוך. דער פאָטער, אַז מע מאָנט אים משקה אין שטיבל לאָזט ער אַנהערן, אַז בקרוב וועט ער אי"ה געבן אַ סך משקה. און גוטע פריינט ווינטשן, פאַרשטייענדיק וואָס ער מיינט, ס'זאָל זיין אין אַ גוטה שעה.

לימים פאָרט די מוטער פונם בחור מיט אַ יידענע פון דערזעלבער שטאָט פון וואַנען דאָס מיידל, די מדוברת שטאַמט, צושמועסט מען זיך און אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, פרעגט דעם בחורס מאַמע די יידענע צי זי קען נישט די לייט וואָס מ-האָט סאָרגישלאָגן פאַר אונדזער זון, בלאָזט זיך די יידענע אָן ווי אַנאינדיק פאַרשיינבלט זיך מיטן גוידיר און פאַנפיט קוים אַרויס: ד—א—כ—ט ז—י—ך ג—אָ—ר א—נ—ע—ל—ט—ע—ר מ—י—י—ד—ל!

פון דעם גאַנצן שידוך לאָזט זיך אויס אַ בוידים.

נאָך אַ פאַל.

דער סוחר ל. מאַכט אַ רעקורס צו דער שטייער-קאָמיסיע. קעגן די צו הויכער שטייער-באַמעסטונג, וואָס באַדראָט דעם קיום פון זיין עקזיסטענץ.

איינער פון די צוויי יידישע מיטגלידער אין דער אָפּשאַצונגס-קאָמיסיע, אונטערשטיצט ענערגיש דעם רעקורס. דער צווייטער יידישער מיטגליד — אַ בכבודיקער מענטש, נאָר אַ געגנער פון סוחר ל. — פאַרגראָבט דעם קאָפּ אין אַן-אַקט אין וועמענס תּוכן ער איז מכלומרשט זייער פאַרטיפט, גלייך ער וואָלט גאָר נישט גיהערט, וועגן-וואָס ס'רעט זיך דאָ, נאָר איבער זיינע ליפּן שוועבט אַ לייכטער שמייכל ווי אַ הויך.

דער בליק פונם קאָטיסיע-פאַרזיצנדן פאַלט אויפן דאָזיקן שמייכל און ער רופט זיך אָן: ווען איך זאָל גלויבן אין די מסקנות פונם חשובן מיטגליד איבערן קאַטאַסטראָפאַלן מצב פונם סוחר ל. וואָלט דאָס יידישע סוחרטום אַליין אויס מיר גילאַכט.

די שטייער-סטאַווקע ווערט באַשטעטיקט; דער סוחר ל. רואינירט.

און דרייען זיך אַרום די דאָזיקע דעליקווענטן, ווי שאָטנס. טאָג טעגלעך באַגעגנין זיי זיך מיט שפּאָטישן בליק פונם שונא און מיט דעם מאה-שחורה-אויסדרוקי וואָס גוטע פריינט טראָגן אַ קייגן ווי אַ נדבה, אַ בושה אין פּנים און ווייטיק אין האַרץ.

צי איז אַזאַ לעבן נישט ערגער ווי די אכזריותדיקע עקזעקוציע?

און דאָס זענען קרבנות פון נישט פאַרגינין, פון איבעריק פלאַפּלין און קליינלעכע חשבונות, איבער וועלכע מיר האָבן אויסגיפירט אַ שנעל-אורטייל.

אויך שטאַנד-געריכטן!

---

אליעזר שינדלער

# אֱדום און יִשׂרָאל

צי איז ביי זיי גאָר אַנדערשט מעגלעך, ווי אונדז צו בראָטן און ברענין,
זיי — די משרתים פין מולך, די יורשים פון סדום...
צי קענין און ווילן זיי אונדז מוחל-זיין און פאַרגעסן,
דעם „לֹא תִרְצָח" — דעם „אַל תִשְפכו דָם"?!...

זיי, וואָס בענקין און גאַרן נאָך מרידות און מלחמות,
און לעכצן ווילדע נאָך הריגות און שפיכות-דָמים...
צי קענין זיי אַנדערשט ווי האַסן די אומה פון ישעיהן און עָמוס,
און פייניקן דאָס פאלק, וואָס שטרעבט צום „וְהָיָה באַחרית הַיָמים?!"...

---

# ווינטער-מאטיוו

ס-איז מיר דער האַרבסט און זיין
טרויער-דערווידער
דער זומער—אין לאַנגער גסיסה.
און צוקאָפּנס פון חולה די וואָלקנס
צוועקלאָזע טרערן פאַרגיסן.

דער ווינטער ער איז מיר שוין ליבער
עס ליגט שוין דער מת אויפן דיל...

און מיד שוין פון לאַנגע גיוויינין
עס שווייגען יתומים שוין שטיל...

עס איז מיר דער ווינטער שוין ליבער
די ערד אַ גיצירטע אין שנייען
באַווייזט אויף די ליפּן אַ שמייכל
און אין האַרצן פאַרבאַהאַלט זי די
ווייען...

יש-אל עמיאט.

ארכיון אסופות

הארכיון היהודי



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# ג׳יט ארביט און באשעפטיקונג אונדזערע רעליגיעזע שוועסטער!

## אפעל צו דער ארטאדאקסישער געזעלשאפט!

די דחקות און נויט, וואס פארכאפט טאג אויף טאג אלץ ברייטערע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג טרעפט אויך זער שווער און מוראדיק דער יידישער רעליגיעזער טאכטער.

דער פרנסה־קריזיס און די שרעקלעכע ירידה פון דער יידישער עקאנאמיק האט שוין פון לאנג אוממעגלעך גע־מאכט דעם גרעסטן רוב פון די יידישע דערוואקסענע טעכטער צו קענען אויסגעהאלטן ווערן פון זייערע עלטערן. טויזנטער יידישע רעליגיעזע מיידלעך מוזן זיך אליין פארדינען אויף זייער ברויט, פון די קליינע שטעטלעך וואנדערן אויס אין די הונדערטער אין גרויסע שטעט צו געפונען ארביט און באשעפטיקונג, כדי צו קענען זיך מפרנס זיין בכבוד.

אויף די אלע נויט־ליידנדע און באשעפטיקונגס־לאזע יידישע מיידלעך, לאקערן פארשיידענע נעצן, ס־געבן זיך אן אלס זייערע אפוטרופסים פארטייען מכל המינים, און ליידער אפילו דעמאראליזירנדע עלימענטן און נאר יחידות טוען ביישטיין דעם שווערן נסיון צו הונגערן און בלייבן ביי זייער רעליגיעזיטעט און יידישקייט. לעצטנס א דאנק די געשאפענע פארמיטלונג־שטעלעס ביי די בנות־ארגאניזאציעס אין גרעסערע שטעט, ווערט דער עקאנאמישער מצב פון די יידישע רעליגיעזע טעכטער א ביסל געלינדערט און עס איז אונדזער הייליקער חוב די דאזיקע ארביט פארטצוזעצן מיט די ענערגישסטע כוחות און ברייטסטער מיטהילף.

**מיר ווענדן זיך דעריבער צו אלע געשעפט־ און ארביט־אונטערנעמונגען, וואס זענען אין די הענט פון ארטאדאקסישע בעלי־בתים, ווי אויך צו אלע יידישע בעל־ביתטעס, וואס בייטיקן זיך אין וועלכע עס איז מענטשן צו באשעפטיקן, צוצונעמען נאר חברות פון בנות־אגודת־ישראל.**

צווישן די בנות־חברות געפונען זיך אלערליי קרעפטן אויף ארביט און באשעפטיקונג קוואליפיצירטע ארביטע־רנס פון פארשיידענע פאכן, דערונטער אויך רוטינירטע בוכהאלטערקעס, געשעפטס־פירערנס, דערציערנס און סתם פעאיקע ארביטזאמע מיידלעך, וואס ווילן זיך אפגעבן יעדער ארט ארביט.

מיר אפעלירן צו דער גאנצער ארטאדאקסישער געזעלשאפט צו קומען צו הילף די שטאלצע רעליגיעזע יידישע טעכטער און ווען עס ווענדט זיך צו אייך א יידישע טאכטער מיט איר בנות־דאקומענט, א תרומת־חברה, גיט איר ארביט און באשעפטיקונג.

ווענדט אייך אין יעדן ארט אין די פארמיטלונגס־שטעלעס ביי די בנות־אגודת־ישראל ארגאניזאציעס און פאדערט צו יעדער ארביט און באשעפטיקונג נאר חברות פון בנות־אגודת־ישראל.

איר קענט זיך אויך ווענדן אין דעם הויפט־ביורא פון די פארמיטלונגס־שטעלעס ביי דער בנות־צענטראלע אין לאדזש.

**גידענקט אייער חוב צו העלפן די בנות־ישראל, וואס זענען געטריי צום אלוקי־ישראל!**

## צענטראלע „בנות־אגודת־ישראל“ אין פוילן

לאדזש, טבת תרצ״ד.

### אדרעסן פון אונדזערע פארמיטלונגס־שטעלעס:

הויפט־ביורא—צענטראלע „בנות“ לאדזש, קילינסקי 44
לאקאלע „בנות“ אין לאדזש — פאלודניאווא 20
„בנות“ אין ווארשע — טווארדע 35
„בנות“—מחנה אין ווארשא — מלאצינסקא 13
„בנות“ אין קראקא — אגוסטיאנסקא 30
„בנות“ אין ווילנע — מאלאדטארטאקי 14
„בנות“ אין לעמבערג — בראיעראווסקא 20
„בנות“ אין לובלין — לעווערטאווער—גאס 7
„בנות“ אין קיעלץ — פיעטרקאווער 29
„בנות“ אין בענדין — ריבנא 5
„בנות“ אין סאסנאוויעץ — טשיסטא 9
„בנות“ אין ביאליסטאק — קאלושינסקא 15

אינם הויפט־ביורא אין לאדז קען מען זיך אויך ווענדן שריפטלעך, נאר עס מוז זיין בייגעלייגט א מארקע אויף ענטפער.

די ארגאניזאציעס וואס ווילן באקומען צוגעשיקט א גרעסערע צאל די דאזיקע אויפרופן צופארשפרייטן, דארפן זיי זיך דערוועגן ווענדן אין אונדזער הויפט־ביורא.

אדרעס פון דער בנות־צענטראלע פאר בריוו: Centrala „Bnos“ Łódź, skrz. poczt. 146



הארכיון היהודי
הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 22 מתוך 24

